בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

כי תשא
כ"ב אדר א' תשפ"ד

גליון מס': ע"א
שנה ב'

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:01 |
| מוצש"ק | 6:15 |
| ר"ת | 6:55 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:13 | סוז"ת א' | 9:26 |
| סוזק"ש ב' | 8:55 | סוז"ת ב' | 9:54 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

## טיב הפרשה

# זכור לאברהם וליצחק וליעקב
## אונזער תיקון אויף די חטא העגל

אין די וואכנדיגע סדרה לערנען מיר איבער די חטא העגל און איבער די עונש וואס הקב"ה האט געגעבן פאר איר. צוזאמען מיט די עונש שטייט נאך א זאך און דאס איז די אזהרה וואס הקב"ה געבט אז די חטא וועט בלייבן אויף אייביג און אז יעדער מאל וואס עס וועט קומען אן עונש אויף די אידן וועט זיין אין איר אביסל פון די חטא העגל, און ווי עס איז דער לשון הפסוק 'וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם' און ווי רש"י אויפ'ן ארט זאגט וְאֵין פֻּרְעָנוּת בָּאָה עַל יִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין בָּהּ קְצָת מִפִּרְעוֹן עֲוֹן הָעֵגֶל.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם איז שווער צו פארשטיין פארוואס איז עס אזוי, לכאורה האט נישט קיין פשט אז אויף יעדע עונש וואס עס קומט אויף די אידן זאל זיין אין איר אביסל פון דעם חטא העגל. אפילו אז איך זאל זאגן אז הקב"ה האט רחמנות געהאט אויף זיין הייליג פאלק און נישט געוואלט געבן פאר'ן כלל ישראל א גאנצער עונש אויף איינמאל, נאר יעדע מאל אביסל ווייל עס איז גרינגער וויניג אויף איינמאל ווי אסאך אין איינמאל, איז נאך אלץ שווער, ווייל אז מען געבט יעדע מאל אביסל וואלט עס געדארפט זיין פאר זיך אליין און נישט קומען צוזאמען מיט די אנדערע.

נאר עס קען זיין אז עס ליגט דא א טיפער דערהער. עס צו פארשטיין דארף מען ערשט פארשטיין די חטא העגל. ווען מען איז זיך מתבונן אין די חטא העגל פארשטייט מען זייער שווער וויאזוי האט אזא חטא געקענט פארקומען, מיר ווייסן דאך אז עס רעדט זיך פון דער העכסטער דור וואס כלל ישראל האט געהאט, עס איז דער דור וואס האט זוכה געווען צו הערן דער דבר ה' פון הקב"ה אליין און וויאזוי האט זיך געקענט טרעפן ביי זיי אזא חטא ווי די חטא העגל, אז זיי זאלן ווערן דינען עבודה זרה ממש.

עס איז קלאר אז מיר זענען צו קליין עס צו קענען פארשטיין אבער אז די תורה זאגט עס פאר אונז איז א סימן אז די תורה הק' וויל אונז עפעס אויסלערנען מיט דעם, און אז מען וועט פארשטיין דער לימוד פון דעם וועלן מיר אויך פארשטיין די שייכות פון דעם חטא צו אונזער דור און פארוואס זענען די עונשים געבינדן צו דעם.

>>> המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

# אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ

אין צענטער פון די צענטראלע שטיבלעך שטייט א יונגערמאן א תלמיד חכם, און שטרענגט אן זיינע אויערן, וועלנדיג הערן אויב פון ערגעץ קומט ארויס א קול פון קדיש אדער קדושה, און ווען ער הערט דאס וואס ער האט געזוכט, לויפט ער מיט איין אטעם צום ריכטונג פון וואו דער קול איז געקומען, און אזוי לויפנדיג קערט ער איבער עטליכע שטענדערס און טישן אנגעהויפנט מיט ספרים, שטופט עטליכע עלטערע אידן אוןווארפט אראפ עטליכע קליינע קינדער, דער עיקר אז ער האט נישט דערלייגט דעם קדיש, קדושה אדער ברכו...

אט דער מענטש – איז אונז אליין. דער שילדערונג איז טאקע זייער עקסטרעם, אבער פונדעסטוועגן פירן מיר זיך אויף גאנץ ענדליך דערצו, זייענדיג באשעפטיגט מיט איין מצוה און אויפן וועג צוטרעטן מיר און זענען מבטל אלע אנדערע תרי"ב מצוות.

איינער באשליסט אז ער וועט מקדיש זיין אלע זיינע טעג פאר לימוד התורה, און דערפאר דאוונט ער נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, אדער האלט ער זיך צוריק פון טון חסד מיט אנדערע אדער אפילו צו העלפן פאר זיין הויזגעזינד, וויבאלד ער האט מורא פון ביטול תורה. אזוי אויך פארקערט, איינער וואס האט באשלאסן אז ער גייט אריינלייגן אלע זיינע כוחות און פארמעגן אין חסד, אבער ער פארגעסט צו דאווענען און לערנען...

דער אויבערשטער זאגט צו משה רבינו "אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ" און רש"י ערקלערט, אז אפילו אויב מען וועט זיין פאריאגט און פארנומען מיטן טון די הייליגע ארבעט פונעם משכן, זאל דער שבת נישט פארשטופט ווערן פון איר. דאס מיינט צו זאגן, אז אויך אויב עס איז יעצט דא א חשוב'ע מצוה וואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן יך צו באשעפטיגן אין איר, און אפילו אויב די מצוה טראגט יעצט א שטארקערער דין קדימה, פונדעסטוועגן טוט דאס בויען דעם משכן נישט דוחה זיין דעם שבת, אזוי אויך ווער עס איז עוסק אין איין מצוה איז נישט פטור פון טון די אנדערע מצוות (אויסער אזעלכע מצוות וואו עס שטייט קלאר אז ווער עס איז עוסק אין זיי איז פטור פון טון אנדערע מצוות).

און אזוי שרייבט דער הייליגער חזון איש זצוק"ל, אז זיינע רבי'ס האבן אים געלערנט, אז ביי יעדער זאך זאל זיך א מענטש עצה'ן מיט די ארבעה חלקי שולחן ערוך. עס איז טאקע א גוטע זאך אז א מענטש זאל זיך נעמען איין מצוה וואס דאס זאל זיין "זיין מצוה", אויף וועלכע ער איז ספעציעל מקפיד, מער ווי אלע אנדערע מצוות, אזוי ווי מיר האבן שוין געהערט אויף גדולי ישראל וועלכע האבן זיך אויסגעוועלט א ספעציעלע מצוה. איינער האט אסאך עוסק געווען אין לערנען די הייליגע תורה, א צווייטער האט זיך אסאך אפגעגעבן אין עבודת התפילה, און א דריטער האט דווקא אסאך זיך באשעפטיגט אין די מצוה פון פדיון שבויים. פונדעסטוועגן איז קלאר ביי אונז אז דאס איז נישט געקומען אויפן חשבון פון אנדערע מצוות. דעריבער וועלן מיר אויך אכטונג געבן שֶׁלֹּא יֵצֵא שְׂכָרֵנוּ בְּהֶפְסֵדֵנוּ, אז דער שכר וואס מיר וועלן באקומען פאר די מצוה זאל נישט זיין ווייניגער ווי דער פארלוסט וואס מיר וועלן ח"ו האבן פון דאס וואס איז צוגעברענגט געווארן דורכדעם. און ווען מיר זענען מקבל אויף זיך א געוויסע מצוה אדער גוטער מנהג, זאל עס נישט קומען אויפן חשבון פון קיין שום אנדערע מצוה.

(עפ"י טיב התורה - תשא)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ווען א איד וועט מאכן א חשבון הנפש וועט ער זען אז דורכאויס זיין לעבן ווערט ער מערערע מאל נכשל אין א חטא וואס האט אין זיך א מעין פון די עגל.

ווען א איד וואלט ווען געלעבט מיט א מורא'דיגע קלארקייט אז הקב"ה איז מיט אים, אז וואו ער גייט און וואו ער שטייט איז הקב"ה מיט אים, וואלט ער נישט געהאט קיין הוא אמינא צו זינדיגן, אבער אז מיר ווערן ליידער יא נכשל איז א צייכן אז מיר פארגעסן זיך, אז מיר זענען זיך פאר א רגע מתעלם פון דער פאקט אז הקב"ה איז דא מיט אונז און דאס גרעניצט זיך אביסל מיט די חטא העגל.

אויך ביי די חטא העגל איז כלל ישראל נכשל געווארן אין די גדאנק, טראץ וואס מיר פארשטיין נישט וואס איז געווארן דארט, אבער פון דער לימוד זעט זיך אויס אז דארט האט געפעלט דער גדאנק, עס איז נישט געווען גענוג קלאר ביי זיי דער מציאות ה'.

עס קומט אויס לויט דעם אז אין יעדן חטא וואס א איד זינדיגט איז דא א מעין פון די חטא העגל, און וועגן דעם ווען הקב"ה געבט אונז אן עונש איז ער אונז אויך מעניש אויף די חטא העגל, ווייל עס איז ווי א המשך פון די מעשה העגל.

אויך דער תיקון אויף אלע חטאים און ספעציעל אויף די חטא העגל איז אויף דעם שטייגער. דורכדעם וואס מען וועט אויסשרייען אז דער באשעפער איז יא דא און לעבן מיט דעם אז ער געפינט זיך איבעראל, וועלן מיר זוכה זיין מתקן צו זיין דעם חטא און ממתיק זיין דער דין פון איר.

דער גדאנק איז דא איבעראל אבער נאך מער איז עס דא ווען מען רעדט פון דאווענען. די תפילה פון א איד איז דער יסוד פון א איד, אויף איר שטייט זיין לעבן, אבער עס איז דא אין איר א שוואכקייט און ווי חז"ל זאגן שוין אין די גמרא אז תפלה איז פון די פיר זאכן וואס דארפן חיזוק.

עס איז דא שוואכקייט סיי אין דער געשטעל פון די תפלה, סיי אין דער צוגאנג, אז מען קומט שפעט צום דאווענען. חז"ל זאגן אונז אין די גמרא ברכות (דף ו' ע"ב) אז ווען הקב"ה קומט אין שול אריין און ווען ער טרעפט נישט אין איר קיין צען אידן ווערט די שכינה כביכול אין כעס און רופט אויס דער פסוק מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה.

ווען מען הערט די ווערטער פאלט א פחד, מען איז זיך מתבונן וואספארא צער הקב"ה האט ווען די שול איזליידיג און דאגעגן שטייט גרויסע זאכן ווען מען קומט יא, ווען מען ציילט זיך פון די עשרה ראשונים אז חז"ל זאגן אין די גמרא ברכות [דף מ"ז ע"ב] אז די עשרה ראשונים זענען נוטל שכר כנגד כולם, און אפילו אז הונדערט מענטשן קומען נאך אים, נעמט ער שכר קעגן אלעמען.

ווען מען וועט ריכטיג אריינטראכטן וועט מען זען אז דער אויפשטיין אינדערפרי איז טאקע א שווערע זאך, אבער ווען איינער זאל דארפן אנקומען פרי צו א ביזנעס מיטינג וואו ער קען פארדינען א שיינע סומע געלט און אויפ'ן וואגשאל וועט ליגן א ריזיגע געלט פארלוסט, וועט ער נישט האבן קיין שוועריגקייט אויפצושטיין אינדערפרי, מיט איין אימפעט וועט ער ארויסטאנצן צופרי פון בעט און פארוואס דא גייט עס אים אזוי שווער.

איך האב אמאל געהערט אז עס איז געווען א גרויסער עושר וואס איז געקומען קיין ארץ ישראל אויף א באזוך. זייענדיג אין ארץ ישראל איז ארויס די שמועה אין די גאס אז ער איז דא און צענדליגע אידן האבן באלאגערט זיין אכסניא.

וויסנדיג אז דער בעל אכסניא שטייט אויף פרי זענען די געלטגייער אויפגעשטאנען אינדערפרי און זיך געשטעלט אין די רייע אים אפצווארטן ווען ער גייט אין שול און אים בעטן געלט. דער עושר זעענדיג ווי מעןווארט אים אפ ביים טיר האט זיך אנגערופן צו די אלע אידן אז פון דא דארף ער גיין צו א גרויסער מיטינג און דארט דארף ער שליסן א גוט געשעפט.

"איך גיי זיך טיילן מיט די פארדינסטן, יעדער גייט באקומען א חלק פון דעם".

די ארומיגע זענען געווארן אויסערזיך פאר שמחה, עס הייסט אז יעדער גייט באקומען א חלק פון דאס געלט. דער עושר האט געהייסן אז יעדער זאל אים נאכקומען און איינאיינעם מיט זיי איז ער אריין אין שול.

"דא איז דער מיטינג פלאץ". האט ער זיך אנגערופן צו זיי.

"דא קען יעדער זיך איינבעטן וואס ער וויל, מען הערט אויס וואס יעדער זאגט, מען קען דא לייזן שיין געלט, און נישט נאר געלט, נאר אלעס וואס מען דארף האבן".

דער דערהער איז זייער שטארק און מען דארף לעבן מיט דעם, מיר וואלטן עס געדארפט שעצן און זיך פרייען מיט דעם. ווען א איד זאל אריינטראכטן ווי גרויס איז די זכיה אז ער קען רעדן טאג טעגליך צו הקב"ה, אז ער הערט אים אויס, אז ער קען אלעס פועל'ן ביי א תפלה, וואלט ער מער געשעצט די תפלה און עס וואלט אים אנגעקומען גרינגער דער זיך אנשטרענגען פאר איר.

אבער טאקע ווייל ער איז אזוי גרויס און אזוי חשוב, וויל דער יצר הרע אז מיר זאלן נישט שפירן איר גרויסקייט און לעשט אויס אונזערע געפילן און איז גורם אז מיר זאלן עס נישט אנקוקן אזוי און שפירן אזוי.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן יא זוכה זיין צו דערלעבן די בחינה און עס שפירן, און זוכה זיין אז אונזערע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון, אמן.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן דורך לייענערס

## חינוך צו לעבן מיט השגחה פרטית

מיט א שטיק צייט צוריק איז אין דער לשון הקודש גליון מפורסם געווארן אז דער גאון רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל מער באקאנט אלץ ר' חאצקל לעווינשטיין זצ"ל, האט ווענלדיג איינגעוואוינען זיינע קינדער אז זיי זאלן זען און לעבן מיט השגחה פרטית זיי צוזאגט אז יעדער מאל ווען זיי וועלן אים דערציילן א השגחה פרטית איבערלעבעניש וועט ער זיי באלוינען מיט א מתנה.

צוויי טעכטער האט דער משגיח געהאט און זיי פלעגן אים דערציילן געשיכטעס פון השגחה פרטית.

די מעשיות זענען געווען על פי רוב ממש פשוט'ע מעשיות ווי אז איך בין געגאנגען אין גראסערי זוכנדיג צו קויפן צוויי ברויט. אנקומענדיג אהין האב איך געטראפן אז עס איז געבליבן בלויז צוויי ברויט, גענוי ווי איך האב געדארפט האבן.

מיט די התנהגות פון געבן באלוינונגען פאר די קינדער, האט דער משגיח פארדינט אז די קינדער האבן זיך איינגעוואוינט צו לעבן אזוי, און האבן געזען איבעראל השגחה פרטית, זייער בליק אויפ'ן לעבן איז געווארן איבערגעדרייט אז אלעס פירט זיך פון אויבן.

די התנהגות וואס עס איז נתפרסם געווארן אין די גליון פון לשון הק' האט געצויגן נאך זיך שטארקע אינטערעסע, און אידן האבן דערציילט אז זיי האבן עס נאכגעטון און דא מיטגעטיילט זייער עקספירענעס וויאזוי עס איז געווען ביי זיי אין שטוב.

"מיין קליינער לוי יצחק, אלט זיבן יאר, האט דערציילט", הייבט אן א איד צו שילדערן.

"אז נאך דעם וואס ער האט געדארפט גיין צום דאקטאר אינדערפרי האט ער געשפעטיגט צום חדר. אין חדר קומט אין יענע שעה פאַר א פארהער. דער פארהערער ר' אפרים האט זיך געמאכט א מנהג אז יעדער קינד וואס שטעלט זיך צום פארהער און קען גוט באקומט א גוטער זאך, אבער אז מיין קינד האט געשפעטיגט האט ער דערלייגט די גוטע זאך.

אבער דא האט פאסירט א השגחה פרטית, נישט אלע קינדער האבן ליב די גוטע זאך וואס ר' אפרים האט געטיילט און זיין שכן האט עס נישט געגליכענט און עס איבערגעגעבן פאר אים, אזוי איז אויסגעקומען אז ער האט נישט דערלייגט די גוטע זאך.

א צווייטער קינד האט פארציילט אז עס איז אים שווער צו לייענען און אויפצומישן די בלעטער וואו ער האלט, אבער בהשגחה פרטית האט זיך דער סידור געעפענט ביי קריאת שמע אזוי אז ער האט נישט געדארפט זוכן.

די אלע מעשיות ווייזן אונז די חשיבות פון לערנען מיט די קינדער איבער די השגחה פרטית, און אז אויב מען לערנט עס מיט זיי גייט עס זיי אריין אין קאפ און זיי געוואוינען זיך איין צו לעבן א לעבן פון השגחה פרטית און מיט א קוק פון השגחה פרטית.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד

דער הייליגער רמ״א שרייבט אין שולחן ערוך (או״ח סי׳ תרצ״ז ס״א): טייל זאגן, אז מען איז מחויב צו פארמערן מיט מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה אום י״ד אדר ראשון (טור בשם הרי״ף), אבער מען פירט זיך נישט אזוי. פונדעסטוועגן זאל מען אביסל מרבה זיין בסעודה, כדי צו יוצא זיין די שיטה פון די מחמירים. וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד (משלי טו, טו). ביז אהער פונעם הייליגן רמ״א.

און דער שערי תשובה ברענגט דארט (ס״ק ב), אז רבינו יחיאל מפאריז (דער טאטע פון דער הייליגער רא״ש) איז רָגִיל לְהַרְבּוֹת בִּסְעֻדָּה אין דעם טאג, און צו לאדענען מענטשן דערצו. און ער ערקלערט די ווערטער וואס דער הייליגער רמ״א האט דערמאנט ביים סוף, ״וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד״, אז מיט חכמה האט ער מסיים געווען ביים שולחן ערוך אורח חיים אזוי ווי ער האט עס אנגעהויבן, מיט צוויי תְּמִידִין כְּסִדְרָן, ווייל ביים אנהייבן פון זיינע הַגָּהוֹת אויפן שולחן ערוך אורח חיים (סימן א סעיף א) שרייבט ער: ״שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד״, און ער פירט אויס זיינע הַגָּהוֹת אויפן שולחן ערוך אורח חיים (סימן תרצ״ז סעיף א) מיט די ווערטער ״וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד״. אויך איז דא פארהאנען א רמז, ווייל די ווערטער ״מִשְׁתֶּה טוֹב״ באטרעפט בגימטריא ״אֲדָר רִאשׁוֹן״, זע דארטן ווייטער זיינע זיסע רייד באריכות.

->•<-

צווישן די אויסדערוועלטע תלמידים וואס האבן זיך גערעכנט צווישן די הייליגע חבורה פון איינער פון די גדולי הצדיקים אין די פריערדיגע דורות, איז געווען א חשוב׳ער תלמיד וועלכער האט כל ימיו עוסק געווען אין די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים. דאס איז געווען די מצוה פון זיין לעבן, אויף וועלכע ער האט זיך מוסר נפש געווען, און אלעס וואס ער האט נאר פארמאגט האט ער געגעבן כדי ארויפצוברענגען א אידיש נפש פונעם געפענגעניש.

דורכאויס אלע טעג פון יאר, האט ער זיך געשלעפט אויף די וועגן פון איין שטאט צום אנדערן, און צוזאמגענומען נדבות פון אידישע קינדער פאר אט דעם הייליגן מצוה. און אזוי האט ער זיך אויך דערוואוסט, זייענדיג אויף די וועגן, איבער נאך אידן וועלכע געפינען זיך בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה, אין מערסטנס פעלער דערפאר וואס זיי האבן נישט באצאלט די ארענדע געלט צייטליך פארן פריץ, אזוי ווי עס האט זיך אפט געטראפן אין יענע צייטן, אז די פריצים האבן געוועלטיגט אין די וועלכע האבן געוואוינט אין זייער געגנט, און האבן געקענט וואס עס האט זיי געפעלן.

איין יאר, אום ערב יום הכיפורים, נאכן דאווענען שחרית ביי זיין גרויסן רבי׳ן, האט ער זיך דערוואוסט וועגן ״מאשקע״, וועלכער האט געדינגען דעם קרעטשמע פונעם פריץ, און איז א טאג פריער ארייגעווארפן געווארן אינעם גרוב. ער איז זייער דערציטערט געווארן, וועלנדיג אים ראטעווען פון דארט. עס איז דאך ערב יום הכיפורים היינט! – האט דער חשוב׳ער תלמיד געטראכט צו זיך – וויאזוי קען מען לאזן א איד זיך פלאגן אין אזא שרעקליכער ארט אין דעם הייליגן טאג?

ער האט זיך גלייך ארויסגעלאזט אין וועג צו בעטן די אידן פון שטאט צו אנטיילנעמען אין אט די געוואלדיגע מצוה. אבער די צייט האט זייער געדרוקט, וויבאלד ער האט געדארפט אנקומען צו א גרויסער סומע געלט, נישט עטליכע נדבה׳לעך... ווען ער האט זיך נאכגעפרעגט וועלנדיג וויסן וואס איז דער פונטקליכער סומע וואס דער איד דארף צאלן פארן פריץ, איז ער געוואויר געווארן אז דער איד דארף צאלן דעם הויכן סומע פון פינף טויזנט זיבן הונדערט און פופציג (5750) זילבערנע רובל, טָבִין וְתַקִּילִין! דעריבער האט ער גענומען זוכן אן אריגינעלן וועג צו אנקומען צו דעם פולן סומע בּוֹ בַּיּוֹם!

אזוי ווי דער חשוב׳ער תלמיד האט זיך געדרייט צווישן די הייזער פונעם שטאט בעטנדיג צדקה פאר פדיון שבויים, צו קענען באפרייען דעם געפאנגענעם איד, איז אנגעקומען צו זיינע אויערן די שמועה איבער א ״גרופע שיכורים״, וועלכע זיצט יעצט אינמיטן דעם גרויסן מארקפלאץ, און זיי האבן א העפטיגן פארמעסט צווישן זיי, ווער עס קען טרינקען מער ווי אלע אנדערע... און אזוי, גוט אויפגעלייגט פון אלע שארפע געטראנקען וואס זיי האבן געטרינקען, האבן זיי באשלאסן אז ווער עס וועט טרינקען מער ווי יעדן, וועט באקומען א גרויסן סומע געלט! ווי באקאנט, ווייסן נישט די שיכורים וויאזוי אכטונג צו געבן אויף זייער געלט, און גרויס געלט האט זיך דארט געדרייט פון איינעם צום אנדערן...

האט אונזער חשוב׳ער איד באשלאסן אז ער וועט אויספראבירן זיין מזל. ער איז צוגעגאנגען צו זיי מיט א פלאש בראנפן, נישט איידער ער האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ פארן הייליגן באשעפער, און מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן אויספירן דעם געוואלדיגן מצוה וואס איז אנגעקומען צו אים. ער האט זיך גלייך אוועקגעזעצט צווישן די גרופע פון די שיכורים, און האט זיך געמאכט אזוי ווי א לאנגיעריגער טרינקער... נאכן לאזן הערן עטליכע גוטע ״וויצן״ איז ער שיין אויפגענומען געווארן דורך די חבורה, און מיט גרויס חכמה האט ער זיי אריינגעפירט אין א העפטיגן דעבאטע איבערן טרינקען... איר קענט דען טרינקען – האט ער זיך גערייצט מיט זיי – דאס הייסט דען ׳משקה׳? זעט נאר, איך האב דא ביי מיר א פלאש מיט די שטארקסטע משקה, 96 פראצענט! זעקס און ניינציגער, ווי מען רופט עס. און אזוי רעדנדיג האט ער ארויסגעשלעפט פון זיין בוזעם א פלאש מיט גוטע זעקס און ניינציגער ׳מאנדלען ליקער׳, פון גאר א גוטן קוואליטעט! די אויגן פון די שיכורים זענען כמעט ארויסגעגאנגען פון זייערע לעכער, זעענדיג די גוטע משקה, ווי זאגנדיג ״געבט אונז פון די גוטע משקה״...

דער איד האט אבער צוריקגענומען דעם ליקער צו זיין בוזעם. ער האט זיך אויפגעשטעלט, און געפרעגט הויך אויפן קול: ווער פון אייך קען טרינקען א גאנצן גלאז פון אט דעם משקה?

דא האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די שיכורים, וועלכער האט געהאלטן אין זיין האנט אן אנגעשטאפטן בערזל אנגעפולט מיט געלט... מיט זיין אנדערן האנט האט ער אים דערלאנגט א גרויסן גלאז, און האט זיך אנגערופן: לאמיר זען טאקע וואס דו קענסט! דא האסטו א ריזיגע גלאז, אויב דו וועסט קענען טרינקען דעם גאנצן גלאז אויפאמאל, באקומסטו שוין יעצט הונדערט זילבערנע רובל!

און אויב וועל איך צוויי אזעלכע גלעזער נאכאנאנד, וויפיל וועל איך באקומען? – האט דער איד געפרעגט.

- פינף הונדערט רובל!

- און אויף דריי אזעלכע גלעזער?

- טויזנט רובל!

גלייך האט דער איד ארויסגענומען זיין פלאש, און כאטש ער איז קיינמאל נישט געווען געוואוינט צו טרינקען, האט ער זיך געצוואונגען דערצו לצורך מצוה. די גאנצע חבורה האט אים גוט נאכגעקוקט, און דא האבן זיי מיטגעהאלטן ווי ער מאכט הויך די ברכה ״שהכל נהיה בדברו״, און ער האט גלייך אריינגעגאסן אין זיין האלז די דריי גלעזער נאכאנאנד! און ער האט באקומען אין האנט טויזנט רובל קעש!

ווי נאר ער האט געענדיגט דערמיט, האט ער ווייטער געפרעגט: און אויב איך וועל יעצט נאכאמאל טרינקען אזא ״סעריע״ פון דריי גלעזער אויפאמאל, וויפיל וועסטו מיר געבן?

- דער שיכור ווערט קיינמאל נישט זאט... – האבן זיך עטליכע פון די חבורה געווערטלט.

- איך וועל דיר געבן נאך טויזנט רובל!

- ס׳איז נישט יושר! די צווייטע מאל איז שווערער ווי די ערשטע!...

- גוט, האט יענער צוגעשטימט, טויזנט פינף הונדערט!

- ניין! ׳צוויי טויזנט רובל׳ קעש אין האנט!

ענדליך זענען זיי דורכגעקומען אויף טויזנט זיבן הונדערט און פופציג (1750) זילבערנע רובל, און דער חשוב׳ער תלמיד האט נאכאמאל גענומען דעם גרויסן גלאז אין האנט אריין, און האט גלייך אויסגעטרינקען אן א ווארט, נאך דריי גרויסע גלעזער פון דעם שארפן געטראנק, צום הויכן גלעכטער פון די גרופע שיכורים, וועלכע האבן נישט אויפגעהערט אים צו שטארקן מיטן פאטשן מיט זייערע הענט, און מיט שטורעמישע ׳לחיים׳ וואונטשן. ער האט פארשטייט זיך גלייך באקומען די געלט. – און דא האט ער שוין געהאט אין האנט צוויי טויזנט זיבן הונדערט און פופציג (2750) רובל!

ווי נאר ער האט געענדיגט דעם צווייטן רונד, האט ער גלייך אנגעהויבן מיטן דריטן, ״און יעצט״, האט ער געפרעגט, מיט א שטארקן געלעכטער, ווי די שטייגער פון די שיכורים – אויב איך וועל יעצט צום דריטן מאל מאכן דעם גאנצן ׳סדר׳... וויפיל וועל איך באקומען?

- וועסט נישט קענען. דאס איז אוממעגליך!

- און טראצדעם?

- אויב דו וועסט צום דריטן מאל מצליח זיין אראפצושלינגען דריי גלעזער אויפאמאל, באקומסטו

המשך אין עמוד ד׳ <

"דריי טויזנט זילבערנע רובל" קעש - מזומן!

טראצדעם וואס דער חשוב'ער איד איז געווען זייער אנגעטרינקען, האט ער גוט געדענקט דעם ציל פארוואס ער איז אהערגעקומען, און האט אויך געדענקט אז עס איז היינט ערב יום כיפור, און ער מוז אויסלייזן א אידיש נפש נאך אינעם זעלבן טאג. ער האט גלייך גענומען דעם גלאז אין האנט אריין, און ממש במסירות נפש האט ער זיך געצוואונגען אויסצוטרינקען די גאנצע דריי גלעזער אין איין צי!

אזוי איז ער ארויס פון דארט, ווען ער האלט ביי זיך פינף טויזנט זיבן הונדערט און פופציג (5750) זילבערנע רובל! פונקט אזויפיל ווי ער האט געדארפט האבן פאר די מצוה פון פדיון שבויים! ער איז גלייך געלאפן צום פריץ, וואו ער איז אנגעקומען זייער נאנט צום זון אונטערגאנג. ער האט איבערגעגעבן דעם גאנצן סומע געלט, און האט אויסגעלייזט דעם איד און אים באפרייט!

פון דארט האט ער זיך געאיילט מיט זיינע איבערגעבליבענע כוחות צו די מקוה. ארויסקומענדיג פון מקוה, האט שוין די הייליגע נאכט פונעם גרויסן און פארכטיגן יום הדין זיך גענומען צושפרייטן אויף דער וועלט. מען האט געקענט זען פילע אידן ווי זיי שפאנען צום ריכטונג פון שול, אנגעטון אין ווייסן. אויך אונזער איד האט זיך געאיילט זיך צו אנטון מיטן קיטל און זיך איינהילן אינעם טלית, און ער איז שנעל געלאפן צום בית המדרש פון זיין הייליגן רבי'ן, כדי נישט צו פארשפעטיגן דעם תפילה פון "כל נדרי".

ער איז געווען זייער שטארק אנגעטרינקען... נאכן טרינקען אזעלכע ניין גרויסע גלעזער, איז נישט קיין וואונדער אז ער האט קוים געקענט האלטן גלייך זיין קאפ צווישן זיינע אקסלען...

פלוצלונג, אינמיטן די געוואלדיגע תפילה פון "כל נדרי", האט ער געזען ווי די אידן וואס זענען געשטאנען ארום אים האבן שטיל געוויינט, און געווישט זייערע פילע טרערן... – פונקט דעמאלטס איז אים די ליקער ארויפגעאנגען אין קאפ, און ער האט אנגעהויבן זאגן צו זיינע חברים: פארוואס וויינט איר יעצט? איר דארפט זיך פרייען אין אזא הייליגע טאג! איר דארפט זיך פרייען אז איר זענט אידן! און אז איר זענט פריי און איר געפינט זיך נישט אין געפענגעניש... איר האט אזא גרויסע זכיה אז איר קענט קומען צום הייליגן הויז פונעם אויבערשטן אין אזא הייליגן טאג – אנשטאט צו וויינען דארף מען זיך פרייען"!

ווי דער שטייגער פון שיכורים, וועלכע גייען אריבער פון איין ענין צום אנדערן און קענען זיך נישט באהערשן... האט ער ווייטער פארגעזעצט און גע'טענה'ט צו זיינע חברים איבער דעם חיוב השמחה אינעם הייליגן טאג יום הכיפורים. ער האט זיך מער און מער צופלאקערט, ביז ער האט געזאגט מיט גרויס באגייסטערונג: איר דארפט זיך היינט פרייען ממש אזוי ווי אין שמחת תורה!

און וויבאלד אונזער שיכור האט זיך דערמאנט פון שמחת תורה, האט ער אנגעהויבן זינגען און חזנ'ען מיטן באקאנטן נוסח פון שמחת תורה: "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ"...

און ווען דער צדיק האט דאס געהערט, האט ער זיך אנגערופן, אז דער איד האט זוכה געווען אנצוקומען צום שפיץ פון די מדריגות פון די הייליגע טעג, וואס דאס איז, ווי באקאנט, ביים יחוד פון "אַתָּה הָרְאֵתָ" אינעם טאג פון שמחת תורה! אין זכות פון זיין געוואלדיגע מסירות נפש אום ערב יום הכיפורים, פאר די מצוה פון פדיון שבויים!

->•<-

עס איז ברייט באקאנט דעם גרויסן געוואלדיגן דערהויבנקייט פונעם הייליגן יום טוב פורים, אז עס איז נאך העכער און מער דערהויבן ווי דער הייליגער טאג פון יום הכיפורים. אזוי ווי עס שטייט אין תיקונים (דף נז ע"ב) אויטיפן טאג פון יום הכיפורים אז עס איז כְּפוּרִים, דאס מיינט, ענדליך צו פורים, אבער עס קומט נאך אלץ נישט אן צו די מדריגה פון פורים אליין. און אזוי שטייט דארט אין תיקוני זוהר: "פּוּרִים, אִתְקְרִיאַת עַל שֵׁם 'יוֹם הַכִּפּוּרִים', דַּעֲתִידִין לְאִתְעַנְּגָא בֵּיהּ, וּלְשַׁנּוּיֵי לֵיהּ מֵעִנּוּי לְעֹנֶג וכו'". פורים וועט אנגערופן ווערן נאמען פון יום הכיפורים, וויבאלד מען איז אנגעגרייט צו האבן פארגעניגן אין דעם טאג, און עס וועט געטוישט ווערן פון פייניגונג צו פארגעניגן.

קומט אויס, אז די גרויסקייט פונעם יום טוב פורים איז נאך גרעסער ווי דער טאג פון יום הכיפורים, וויבאלד אלעמאל איז דער נמשל גרעסער ווי דער משל, און אויב מען טוט פארגלייכן יום הכיפורים צו פורים, און נאר לעתיד לבא וועט עס זיין גרויס אזוי ווי פורים, און מען וועט האבן פארגעניגן אין אים און עס וועט איבערגעדרייט ווערן פון פיינונג צו פארגעניגן אזוי ווי אין פורים.

און אזוי אין יום הכפורים געפינען מיר אז עס איז דא 'יום כיפור קטן', אזוי אויך אינעם יום טוב פורים פראווען מיר אויך א 'פורים קטן'.

נאר דער אונטערשייד צווישן זיי איז אין דער סדר פון די מצות היום, ווייל אינעם יום טוב פורים זענען מיר באפוילן אויף מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה, און אויך אין פורים קטן איז "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד", נישט מיט וויינען און פאסטן אזוי ווי אין יום הכיפורים, נאר מיט די שמחה פון מאכן א סעודה און טרינקען וויין.

און מען קען טאקע זוכה זיין מיטן כח פון די משתה פונעם יום טוב פורים, צום געוואלדיגן מדריגה פון "אַתָּה הָרְאֵתָ" וואס דערצו איז מען זוכה ביים יחוד פון שמחת תורה!

דאס איז דער וואונדערליכער כח פונעם הייליגן יום טוב פורים, צו מקרב זיין א אידיש נפש צום באשעפער, מיט גרויס ליבשאפט, להתוודע וּלְהִגָּלוֹת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ!

(פורים תשע"א)




- לעילוי נשמת -
מרת נעכא סאסא בת ר' יהושע הכהן ע"ה
נלב"ע כ"ב אדר א' תש"ס - ת.נ.צ.ב.ה.
• הנצח ע"י חתנה מורנו ורבנו שליט"א •

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ יעקב צבי בן ישראל

לע"נ מרת הינדל בת משה ירמיהו ובלומה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן